און דערפאַר האָט מען גערופן די לשכת כה״ג „לשכת פרהדרין״ — אויך אינעם זמן פון כהנים גדולים כשרים וצדיקים: דערמיט האָט מען געוואָלט מדגיש זיין דעם גודל הענין, די טייערקייט פון אַריינגיין אין קדש הקדשים — אפילו איין און איינציג מאָל, און אפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ תוצאה פון היפך החיים — און דאָס איז מעורר אַ תשוקה מיוחדת אַריינצוגיין אין קדה״ק אויך ביי אַ כה״ג כשר וצדיק, וואָס איז שוין אַריין כמה פעמים אין קדה״ק, אַז יעדער כניסה זאָל ביי אים זיין טייער פונקט ווי ער וואָלט אַריין בלויז דעם איין מאָל.

ז. אָבער לכאורה איז דאָס ניט אַ ביאור מספיק. ווייל סו״ס דערמאָנט דער נאָמען די הנהגה בלתי רצוי׳ פון די כה״ג! — ובכלל וואָס פאַר אַן אָרט האָט צו קובע זיין אַ שם וואָס איז מעורר (בגלוי) היפך זכותם של ישראל?

נאָך מער: די לשכת כה״ג איז געווען (בעיקר) באַשטימט פאַר די שבעת ימים ווען מען האָט מפריש געווען דעם כה״ג פרישה ועלי׳ לגבי אַלע אידן, און בזמן פון עשי״ת — וואָס, כידוע[48], דאַרף מען אין די טעג זיין במיוחד אויסגעהיט פון מעורר זיין היפך הזכות וכו׳[49]!

מוז מען זאָגן, אַז אין דעם ענין פון „פרהדרין״ — „מחליפין אותם כל שנים עשר חדש״ — איז (אויך) פאַראַן אַ פירוש עקרי למעליותא, אין צד הקדושה.

אע״פ אַז אין פשוט׳ן זין (בנוגע כו״כ כה״ג) איז עס טאַקע אַן ענין בלתי רצוי, היפך אריכות ימים; אָבער עס איז פאַראַן דער ענין פון „פרהדרין״ ווי דאָס איז ביי די כהנים גדולים כשרים וצדיקים שהאריכו ימים — אַ מעלה גדולה.

ח. וי״ל דעם ביאור בזה:

די נקודה פון עבודת הכה״ג ביום הכפורים איז עבודת התשובה. איינע פון די מעלות אין עבודת התשובה לגבי עבודת הצדיקים איז, וואָס עבודת התשובה איז בדרך התחדשות. צדיקים זיינען טאַקע עולה בעילוי אחר עילוי בעבודתם לקונם, „ילכו מחיל אל חיל״ און אין אַן אופן פון „אין להם מנוחה״[50], אָבער דאָס איז „ילכו מחיל״ (ובכח חיל זה, אע״פ וואָס עס ווערט שלא בערך) — אַ הוספה און עילוי אויף זייער פריערדיקער מדריגה. משא״כ דער ענין פון תשובה טוט אויף, אַז מען ווערט אַ מציאות חדשה, ביז אַז דורך תשובה קען אַ איד זאָגן אויף זיך, בלשון הרמב״ם[51], „איני אותו האיש שעשה אותן המעשים״.

און די שלימות פון דעם ענין ווערט אויפגעטאָן אין דער עבודת הכהן גדול ביום הכפורים בקודש הקדשים[52],

און דערפון באַקומט יעדער איד דעם כח צו איבערגיין מן הקצה אל הקצה, ביז צו איבערמאַכן זיך אין אַ מציאות חדשה לגמרי.

וואָס דאָס איז אויך דער ביאור

48) ראה שו״ע אדה״ז או״ח סתקפ״ב ס״ז. סתר״ב ס״ה. ועוד.

49) שלכן דוחק גדול לתרץ שמכיון שכבר שינו השם בשביל הכה״ג שלא האריכו ימים, לא הפסיקו מלקרות הלשכה בשם זה.

50) תהלים פד, ח. ברכות בסופה.

51) הל׳ תשובה פ״ב ה״ד. וראה סמ״ג (מ״ע טז) ור״ן — הובאו בחדא״ג מהרש״א לר״ה טז, ב (ד״ה ד׳ דברים).

52) שהוא השלימות בעולם שנה ונפש, כמדובר כמ״פ.

(פנימי) אין דעם דין[53] אַז די „בגדי לבן שעובד (כהן גדול) בהם ביום הצום אינו עובד בהם פעם שני׳ לעולם אלא נגנזין במקום שיפשוט אותם שם שנאמר[54] והניחם שם" — דלכאורה: פאַרוואָס זאָל מען די זעלבע בגדים ניט נוצן בשנה הבאה — כשאר כל בגדי כהן גדול, אין וועלכע ס׳איז ניטאָ קיין הגבלה בזמן השימוש בהם?

ולהעיר אַז בגדים וועלכע זיינען „לכבוד ולתפארת"[55] זיינען „מאריך ימים" מער ווי סתם בגדים.

נאָר די הסברה בזה איז (כנ״ל), ווייל יעדער מאָל וואָס דער כה״ג גייט אַריין אין קודש הקדשים ווערט ער ע״י עבודתו אַ מציאות חדשה לגמרי, אפילו לגבי זיין מציאות בקדה״ק פאַראיאָרן: ער ווערט ניט נאָר דערהויבן צו אַ העכערער מדריגה, נאָר ער ווערט נתחלף ונתהפך אין אַ מציאות חדשה, ובמילא דאַרפן אויך זיינע לבושים זיין בגדים חדשים, ניט די זעלבע ווי פאַראַיאָרן. — ובפרט אַז זיי דאַרפן דאָך „אויפטאָהן" אין עם „כבוד" און „תפארת" — נוסף אויף זיין מצב בזה מצד עצמו באותו זמן.

און דאָס איז אויך דער תוכן פון „פרהדרין" למעליותא: אין גשמיות האָבן זיי מאריך ימים געווען, אָבער ברוחניות איז עס געווען אַז „מחליפין אותם כל שנים עשר חדש", דורך דער כניסה אין קודש הקדשים ווערט מען אַ מציאות חדשה, דאָס איז ניט דער זעלבער כה״ג וואָס איז אַריין פאַראַיאָרן אין קדש הקדשים.

ט. לויט דעם ביאור איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער תוכן הענין פון „פרהדרין" (ווי דאָס איז למעליותא) איז דאָ אין אַלע זמנים, אויך בבית ראשון ובתחילת בית שני, ווען עס זיינען געווען כהנים גדולים כשרים וצדיקים שהאריכו ימים.

דערמיט ווערט מען פאַרשטיין וואָס רבינו הקדוש האָט אין משנה אַריינגעשטעלט ביידע נעמען — סיי „לשכת העץ" סיי „לשכת פרהדרין"[56] — ווייל די צוויי נעמען זיינען מרמז אויף די צוויי עניני עבודה וואָס דאַרפן זיין ביים כהן גדול: „עץ" — בחי׳ חסד, וואָס דאָס איז דער ענין פון עבודת הצדיקים[57]; „פרהדרין" — וואָס איז מרמז אויף עבודת התשובה, כנ״ל.

[וי״ל אַז דאָס איז אויך מתאים מיטן ביאור פון טאַטן[58] אין דעם וואָרט „פרהדרין", אַז עס איז רומז אויף „דינים" — וואָרום „פרהדרין" איז צונויפגעשטעלט פון דריי ווערטער: פר הר דין, וואָס יעדערער פון זיי דייטעט אָן אויף דין (עיי״ש בפרטיות) — ווייל די עבודה פון תשובה איז פאַרבונדן מיט דינים וגבורות. דער בעל־תשובה דאַרף זיך מאַכן גדרים וסייגים „שלא יחזור לסורו"[59], אַן עבודה של גבורה ודין; ובכלל איז די תנועה פון תשובה אין דער בחינה פון „שמאל דוחה"[60] — ער איז זיך משפיל מצד זיין ריחוק (בעבר) פון אלקות, און צוליב דעם מיצר פון די

---

53) רמב״ם הל׳ כלי המקדש פ״ח ה״ה (מיומא ועוד — ראה כס״מ שם).

54) אחרי טז, כג (וראה פרש״י שם).

55) תצוה כח, ב.

56) משא״כ השם „בלווטי" (ראה לעיל הערה 42) שרק מבאר השם „לשכת העץ" (כנ״ל שם).

57) ראה רש״י שלח יג, כ. ב״ב טו, א. ולהעיר מטור ברקת (סתק״ב, ד) עצים . . צדיקים, אבנים . . בע״ת.

58) תורת לוי יצחק שם ע׳ רפט.

59) ראה לקו״ת ואתחנן ט, ד. ובכ״מ.

60) ראה בארוכה ד״ה שובה תרנ״ט. ועוד.